וואס הערט זיך אין ניו יארק

(פון אונזער קארעספאנדענט) פון משה צעשינסקי

די לעצטע טעג האבען זיך אין אונזער שטאדט אנגעהויבען בעווייזען, אין פערשיעדענע קווארטאלען, ארגאניזירטע גרופעס שווארצע מאה'דיגע אגיטאטארען, לויט דעם מוסטער פון די אלטע רוסישע פאגראם העצער פון פורישקעוויטש און קרושעוואנס חדר, וועלכע האבען טאג איין, טאג אויס געהאלטען פאר א גרויסען עולם צוהערער זייערע שמוציגע פאגראם רעדעס, אויסשליסליך געווענדעט געגען אידען.

ביי די היגע אידישע איינוואוינער, איז בערהויפט פון דער איסט סייד האבען די אויפהעצונגען ארויסגערופען שטורם פון פראטעסטען און אויפרעגונג.

א דאנק עטליכע היגע אידישע אנגעזעהענע כלל טהוער, מיט דער מיט הילף פון דזשארדזש סניטקין, סיטי מארשאל הערי וואלקאל, און עטליכע מיטארבייטער פון דער צייטונג ״ווארהייט״ איז געלונגען אויף מעדיסאן סקוועהר צו ארעסטירען עטליכע פון די בוואנעם וועלכע האבען די לעצטע צייט אנגעפיהרט זייערע גיפטיגע אטאקעס אויף אידען, אין זייערע אפען עיר מיטינגען, צווישען די ארעסטירטע האט זיך אויך געפונען דער הויפט רעדנער פון זייער פאגראם באנדע דער אידען פרעסער און פרעדיגער ראסעל דאן (און איירישער).

פאר זיין ארעסט האט ער געהאלטען איינע פון זיינע גיפטיגסטע רעדעס, שייטענדיג פעך און שוועבעל אויף אידען, בעליידיגענדיג גלייכצייטיג אידישע מיליטער לייטע, און אויך דעם סופרים קאורט ריכטער לואיס בראנדייס, און אנדערע וויכטיגע אידישע פערזענליכקייטען, וואס פערנעהמען אנגעזעהענע רעגיערונגס שטעלען, בשעת זיין רעדע האבען זיך אויף'ן ארט געפונען פיעל אידישע סאלדאטען און העכערע אידישע בעאמטע פון מיליטער וועלכע האבען אבגעשטעלט דעם אידען העצער. עס איז אויסגעבראכען א גרויסער סקאנדאל צווישען די אידען און דעם אנטיסעמיטעם בעגלייטער. פערשטעהט זיך אז די פאליציי איז געווען אויף דער זייט פון פאגראם אנפיהרער. דער רעזולטאט איז געווען פיעלע ארעסטען פון ביידע צדדים, און עטליכע אידען צושלאגענע, אבער סוף כל סוף האט דער ווילדער אנפיהרער ראסעל דאן, וואס האט גערופען אז מען זאל די אידען טאהן דאס זעלבע וואס מען האט האט געטהאן מיט די נעגערס אין דער סאוטה — לינטשען, בעקומען זיין רעכטען פסק. ער איז פון דזשאדזש מעקוויד אין נאכט קאורט פעראורטהיילט געווארען צו א מאנאט געפענגניס אין ווארקהויז ביי שווערע ארבייט.

פארן ארויסגעבען דעם אורטהייל האט דער דזשאדזש געהאלטען א מוסר רעדע צום פערמישפטען כוליגאן.

„איהר זייט א געפעהרליכער מענש, האט געזאגט דער דזשאדזש, און עס איז א געפאהר אייך צו ערלויבען ארום געהן פריי. אייער פלאץ איז ניט אין דער פרייער אמעריקא, איך גיב אייך א מאנאט ווארקהויז און ווען איהר וועט א צווייטען מאהל ארעסטירט ווערען וועט איהר קריגען א פיעל שווערערע שטראף.

די איבעריגע ארעסטירטע פון זיינע בעגלייטער וועלען אויך פראצעסירט ווערען, דערווייל זיינען זיי פערהאלטען יעדערער פון זיי אונטער 500 דאלאר בייל.

דער בעליעבטער דזשאדזש סניטקין, וואס האט געהערט די אנטיסעמיטישע רעדעס און וואס האט זיי ארעסטירט, איז ארויסגעהענדיג פון קאורט נאך דעם אורטהייל בעפאלען געווארען פון אייניגע אבפאלער וועלכע האבען איהם גוט צושלאגען.

די דעטעקטיווס איז געלונגען צו ארעסטירען די אנגרייפער.

פיעלע ניו יארקער ענגלישע צייטונגען האבען בעריהרט די אנטיסעמיטישע געשעהענישען און זיי פערדאמט, צווישען אנדערע אויך די קאנסערוואטיווע ״גלאוב״.

דער מעיאר מיטשעל האט צוגעשיקט א בריעף צו פאליס קאמישיאנער וואודס ער זאל זעהען אבשטאפען די פאגראם רעדעס און אגיטאציעס.

די אידישע בעפעלקערונג פון אונזער שטאדט איז צופריעדען מיט'ן פסק דין וואס דער צורר היהודים האט בעקומען, און פאנגען צוריק אן צוביסלעך זיך צו בערוהיגען.

* * *

די ניו יארקער אידישע קהלה גרייט זיך די טעג ארויסצוגעבען א ״קאמיונעל רעדזשיסטער״ אדער די רעקטארי, וועלכער וועט געבען פיעלע אינפארמאציאנען וועגען אלע אידישע ארגאניזאציאנען און אנשטאלטען פון גרייטער ניו יארק. אין א טהייל פון דער דירעקטארי וועט אויך זיין א ליסט פון אלע פרעזידענטען פון אלע היגע אנשטאלטען און ארגאניזאציאנען.

* * *

דא האט זיך ארגאניזירט א ״ראשען סיטיזען דעפענס ליגע״ וועלכע האבען בעשלאסען אנצופאנגען א קאמף אין דיא קאורטס פון יונייטעד סטייטס אויף צו בעפרייען זיך פון ״דרעפט״, די זעלבע ליגע האט זיך אויך געווענדעט צום רוסישען אמבאסאדאר באכמאטיעו, וועגען הילף אין דער פראגע. ער האט זיי אבער געענטפערט דאס ער קען פאר זיי גאר ניט טהאן, ווייל ער האט ניט פאר דעם קיינע אינסטרוקציעס פון זיין רעגיערונג. ביי אונז האט זיך אויך געגרינדעט א ליגע פון אלע עסטרייך־אונגארישע ערשטע פייפערניקעס, מיט דעם צוועק צו פאדערען פון דער אמעריקאנער רעגיערונג צו האנדלען לויט יושר, און אינטער נאציאנאלען געזעץ.

די וואך האט זיך ביי אונז אויך געגרינדעט א אידישע סאציאליסטישע פאטריאטישע ליגע. דער צוועק פון דער ניי געגרינדעטער ״ליגע״ איז אויפצוקלערען דער אמעריקאנער אידישער בעפעלקערונג דעם צוועק פון דער מלחמה געגען דייטשלאנד.

צווישען די גרינדערס זיינען פאראן פראמינענטע סאצ. טהוערס, העני סלאבאדין, וויליאם עדלין, דר. סירקין, סלאנים, כאיקין, סאפיר און אנדערע.

* * *

לכבוד דעם אבפאהרען קומענדע וואך קיין פראנקרייך, פון דר. דזשיי סאבערס, וועלכער איז געווארען א לייטענאנט אין דער אמעריקאנער ארמיי איז דא געגעבען געווארען א שעהנער באנקעט ארראנזשירט פון דעם איסט סיידער דאקטוירים קלוב. דר. סאבערס האט בוים באנקעט זיך אויסגעדריקט אין זיין רעדע צוזאגענדיג ניט נור צו קעמפפען פאר די שטערען און שטרייפען, נור אויך פאר דעם אידישען נאמען און פאלק.

* * *

א גרויסע סענזאציע האט ביי אונז ארויסגערופען דער ארעסט פון מעיאר מיטשעלס נאהענטסטען פריינד. סענאטאר ריינגאלד, וועלכער איז ארעסטירט געווארען פון דער גראנד דזשורי פון ניו יארק אויף דער קלאגע אז ער האט פאלש געשווארען. ריינגאלדס ארעסט וועט נאך פערמישען אנדערע שטאדט פאליטישענס און בעאמטע. ער איז אויך דער וואס איז געווען פעראינטערעסירט אין פערקויפען דער שטאדט לאנד אין ראקאוויי ביטש, ביי וועלכען ער האט געקראגען פון דער מיטשעל אדמיניסטראציאן. פיעל מעהר געלד פאר דאס לאנד, ווי עס האט ווערטה געהאט. דער בעשולדיגטער איז געוועזען דער געוועזענער לאא פארטנער פון מעיאר מיטשעל.

* * *

אין די ניו יארקער סאציאליסטישע קרייזען האט ארויסגערופען פיעל פערדרוס די מעלדונג דאס דער עלטסטער אמעריקאנער סאציאליסט לוסיע סעניעל וואס איז גוט בעקאנט אויף דער איסט־סייד, האט רעזיגנירט פון דער פארטיי, פאר איהר פראדייטשער טהעטיגקייט.

לויט דער פאדערונג פון די היגע ס. פ. ברענטשעס פון 6־טען און 18־טען אנדערע אסעמבלי דיסטריקטען האט דיא עקזעקוטיוו פון דער סענטראל קאמיטע לאקאל ניו יארק, בעשלאסען אויסצושליסען דעם בעוואוסטען סאציאליסט הענרי ל סלאבאדין פון דער סטייט קאמיטע. זיי האבען אויך בעשלאסען צו רעקאמענדירען די דעלעגאטען פון דער סטייט עקזעקוטיוו, אז זיי זאלען איהם אויך אויסשליסען. די ס. פ. האבען זיך גענומען צו דעם שריט, ווייל סלאבאדין איז ארויס מיט עפענטליכע ערקלעהרונגען אין דער פרעסע, געגען דער שטעלונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי צום קריעג, און געגען דעם פיפעלס קאונסיל.

* * *

פון ניו יארק וועלען דערווייל געדראפט ווערען נאר 1931 לייטע אזוי פיעל מאכט אויס 5 פראצענט פון דער צאהל סאלדאטען וואס אונזער שטאדט דארף דערווייל צושטעלען. די עקזעמפשאן באארד האבען שוין ארויסגעשיקט די גרינע קארדס צו די רעקרוטען וועלכע וועלען איז קורצען גערופען ווערען, דיא דיסטריקטס באארדס האבען נאך צו בעטלען א 2000 אפילס.

ביז היינט האבען זיי שוין פערהאנדעלט 1041 אפיעל עקזעמפשאן קייסעס, פון זיי איז 208 בעוויליגט געווארען עקזעמפשאן.

* * *

די בעוואוסטע ניו יארקער אנארכיסטען אלעקסאנדער בערקמאן, לואיס קרעמער, און מאריס בעקער, וועלכע זיינען לעצטען יוני איינגעשפארט געווארען אין אטלאנטא פריזאן (און וואס געפינען זיך היינט אין ניו יארק), פאר אנפיהרען אן אגיטאציע געגען קאנסקריפשאן, און וואס זיינען לויט דער ענטשיידונג פון סופרים קאורט ריכטער לואיס בראנדייס דערוויל ארויסגעלאזען געווארען מיט דער בידינגונג צו צושטעלען בייל ביז זייער פראצעס וועט פארקומען פאר א העכערען געריכט, האבען איצט בעקומען א ווארינונג פון ריכטער מאיערס, דאס אויב זיי וועלען ניט צושטעלען זייער בייל ביז נעקסטע וואך, וועלען זיי צוריק איינגעשפארט ווערען אין אטלאנטאר געפענגניס.

* * *

דער היעגער פועלי ציון פאלעסטינא קאמיטעט מאכט שוין אלע פארבערייטונגען צו דער קומענדער זאמלונג פאר'ן טעג טאג פון פאלעסטינא ארבייטער פאנד, וואס וועט פארקומען דעם 7־טען אקטאבער (הושענא רבה) איבעראל וואו עס זיינען נאר פאראן נאצ. ארבייטער פערבאנד ברענטשעס, פועלי ציון פעראיינען, יונגער קלובס און אלגעמיינע נאצ. סאציאליסטישע פעראיינען. אין זייער לעצטען צירקולאר נומער 34 מעלדעט זיי דאס די יעצטיגע זאמלונג איז א בעשלוס פון דער קאנווענשאן, און דאס די לעצטע זאמלונג האט זיי אריינגעבראכט העכער 8000 דאלאר וואס האט געגעבען די מעגליכקייט א גרעסערע סומע אבצושיקען אין ארץ ישראל פאר פערשיעדענע וויכטיגע דארטיגע נויטיגע עקזיסטירענדע אינסטיטוציאנען.

* * *

ביי די היגע אפערייטארס פון לאקאל 1 פון דער גרויסער קלאוק מאכער יוניאן האט ארויסגערופען פיעל פערדרוס, דער בעשלוס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע וואס האט אויף איהר פערטעל יעהרליכען מיטינג, וואס איז אבגעהאלטען געווארען לעצטענס אין באסטאן, בעשלאסען אויפצופאדערען די עקזעקוטיווע פון לאקאל 1 אז זי זאל זיך אונטערווארפען די בעשליסע פון דער מאיאריטעט לאקאלס, און זאל צוריק אריין אין דזשאינט באארד, און אויב דער לאקאל איינס וועט אין משך פון 30 טעג צייט זיך ניט אנשליסען אין דזשאינט באארד, וועט דער לאקאל אויסגעשלאסען ווערען פון דער אינטערנעישאנאל.

די מעלדונג איז אויך פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקער יוניאן לאקאל איינס, צוליעב די וויכטיגע פראגע וואס קאן בעשטימט ברענגען פיעל צרות, אויב לאקאל איינס וועט ניט איינגעהן אויף דעם בעשלוס פון די ערשטע, קומען פאר אין אלע לאקאלס פאר די לעצטע טעג א גאנצע רייהע מיטינגען וואו עס ווערען בעהאנדעלט די וויכטיגע פראגע א בעזונדערע פיעבערהאפטע טהעטיגקייט געהט אויך אן אין דעם לאקאל איינס, ווארים ווען זיי יעצט אוועקגעבען דאס, וואס מען האט זיי ערשט ניט לאנג אוועקגעגעבען, לויט ווי עס טראגען זיך ארום קלאנגען וועט לאקאל איינס איבערגעבען די פראגע פון זייער גורל צו א אלגעמיינעם רעפערענדום פון אלע זייערע מיטגליעדער, אבער דערווייל איז די שטימונג אין דעם קלאוק מאכער טרייד א זעהר אנגעצויגענע און ניט זעהר פערייניגטע.

* * *

די לעצטע וואך איז אנגעקומען קיין ניו יארק פון לאנדאן דער בעוואוסטער שוישפילער מאריס מאשקאוויץ, וועלכער וועט דעם גאנצען סיזאן שפיעלען אין דייוויד קעסלערס טהעאטער. מאריס מאשקאוויץ דער בעליעבטער ארטיסט איז יאהרען לאנג געווען די רעקטאר פון לאנדאנער פאוויליאן טהעאטער, וואס געפינט זיך אין מיטעל פונקט פון דער לאנדאנער אידישער געטא אין ווייטשעפעל און האט זיך שטענדיג אויסגעצייכנעט אין זיינע טהעאטער ראלען.

מיט'ן אנקומען פון איבערגעדערמאהנטען ארטיסט ווערט קעסלער'ס ארטיסטען סטעף פיעל בערייכערט. דאס זעלבע טהעאטער פיהרט די וואך אויס אויף דער סצענע א גאנצע רייהע וויכטיגע פארשטעלונגען, קרייצער סאנאטא סאפהא, גאט מענש און טייפעל, און אנדערע וויכטיגע פיעסען און דראמען.

* * *

די וואך איז פארגעקומען דער פראצעס פון די אנגעקלאגטע וואלף הירש, און דזשארדזש מעדינגער וועלכע זיינען ארעסטירט געווארען מיט עטליכע וואכען צוריק פאר וועלען אונטערלעגען א באמבע, אויף וואל סטריט, אום ארויסצורופען א מהומה אויף וואל סטריט כדי סטאקס זאלען פאלען און זיי זאלען נעמען האבען די מעגליכקייט צו קויפען סטאקס פאר ביליגע פרייזען, די באמבע האבען זיי געפלאנעוועט אויפצורייסען נעבען מארקאנים אפיס, דזשארדזש ווערהעמסט האט זיי פעראורטהיילט צו זיצען אין פריזאן די גאנצע צייט וואס די מלחמה וועט אנהאלטען.

* * *

דא ערווארטעט מען די טעג דאס אנקומען פון סאן פראנציסקא, די בעוואוסטע מרס. מוני וואס איז ערשט ניט לאנג בעפרייט געווארען, זי קומט מיט דעם צוועק צו העלפען אנפיהרען דעם קאמפיין אויף צו בעפרייען דעם אנארכיסט בערקמאן.

* * *

דר הערמאן, מיבינגס דער סטייט קאמישיאנער אף העלטה האט ארויסגעגעבען א סטייטמענט לויט וועלכען עס איז צו זעהען אז די שטערבליכקייט פון קינדער אין ניו יארק צוליעב קראנקהייטען איז דעם זומער געווען בערייטענד קלענער, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען, דערפאר אבער זיינען דאס יאהר פיעל מעהר קינדער געטויטעט געווארען דורך עקסידענטען, הויפטזעכליך פון אויטאמאבילען.

פון בעריכט פון העלטה קאמישיאנער ווייזט זיך ארויס דאס, היינטיגען יאהר זיינען געטויטעט געווארען 5,113 דורך עקסידענטס אין ניו יארקער סטייט, מיט 700 טויטענפעלע מעהר ווי דיא דורכשניט צאהל פון עקסידענט קרבנות פאר די לעצטע 5 יאהר וועלכע איז געווען נור 4,401.

* * *

אין די היגע ליטערארישע קרייזען שמועסט מען לעצטענס זעהר פיעל וועגען דער קירצליכער בערייכערונג פון נייע אידישע ווערק וואס וועלען אין עטליכע וואכען ארום ערשיינען אויף דעם ניו יארקער אידישען ביכער מארק, צווישען אנדערע 8 דעליקס בענדער פון היינריך היינע, איבערזעצט אין אידיש, ארויסגעגעבען פון ניו יארקער פערלאג ״אידיש״. די איבערזעצונג ווערט געמאכט פון א קאלעגיום בעוואוסטע ניו יארקער שרייבער.

* * *

דאנערשטאג 1 א זייגער ביי טאג איז ביי אונז פארגעקומען די לויה פון פערשטארבענעם בעוואוסטען ארטיסט מאריס מאריסאן, וועלכער איז געשטארבען אין עלטער פון 62 יאהר, מאריסאנס טויט, האט אין די היגע טהעאטער קרייזען ארויסגערופען פיעל טרויער, זיין לויה האט ארראנזשירט די אקטארען יוניאן. די ארראנדזשמענט קאמיטע איז בעשטאנען פון די בעוואוסטע טהעאטער פערזענליכקייטען יעקב פ. אדלער, דייוויד קעסלער, בארים טהאמאשעווסקי יאוואליער און עטליכע אנדערע בעריהמטע ארטיסטען, בעלייטען צו דער אויבעריגער רוהע דעם פערשטארבענעם אידישען קינסטלער, זיינען געקומען טויזענדער. טויזענדער מענשען די לויה פראצעסיע האט זיך געצויגען אויף א 10 בלאק ווייט. זי האט זיך אנגעפאנגען פון 2־טע סטריט צווייטע עוועניו דורכגעגאנגען פארביי די אידישע טהעאטערע צו די וואשינגטאן סעמעטערי וואו דער קערפער פון מאריסאן'ען איז בעהאלטען געווארען, לויט זיין וואונש, נעבען דעם קערפער פון ערשט ניט לאנג פערשטארבענעם ארטיסט מאגולעסקאן.

* * *

פון דאנען זיינען אבגעפאהרען עטליכע ספעציעלע טריינס מיט דעלעגאטען צו דער פיפעלס קאונסיל קאנווענשאן.

דער היעגער ציון קאנסיל מאכט גרויסע פארבערייטונגען צו פייערען אויף א גרויסען מאסשטאב דעם צוואנציג יעהריגען יובילעאום פון ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס מיט א גאנצער רייהע פון מאס מיטינגען.

„אויף שמחות איז אונטערהאלטונגען״

אויף א ברית ביי מר. ל. גינזבורג ווין נאלט אוו. האט חזן מאנאוויטז וועלכער איז געווען דער מוהל געזאמעלט $10.00 פאר די מלחמה קרבנות אין דעסמער דאנק קומט מר. און מרס. ספרינג וועלכע האבען אמעהרסטען בייגעשטייערט אין נאמען פון די מלחמה קרבנות ווינשען מיר זיי אלע א כתיבה וחתימה טובה.

389

אויף א פארטהי ביי מר. צאלסקא 12 מענינג עוו. איז געזאמעלט געווארען פאר די מלחמה קרבנות 8.00 צ. וויינגארטען האט געקויפט די געלט אז סערע לינגען זאל אוועקטראגען די געלט צום טרעזשורער מר. וויינבערג.

3895

אויף א חתונה ביי מר. ענד מרס. ארונג 57 לענארד עוועניו ביי זייער טאכטער דושעני צו מר. פישמאן איז געזאמעלט געווארען דורך מר. אפיעל פון מר. פישמאן 268 אגוסטא עוו. $14.50 איז דאס געווארען אפגעקויפט צום צעהלען פאר דער כלה נאכהער האט מר. יארמוק געצאהלט $1.50 אז די כלה זאל אוועקטראגען דאס געלט צום אידישען זשורנאל.

389

$5.00 ביישטייערונג פון י. בראון נאדבה בעי אנטעריא פאר די מלחמה ליידענדע. ביי א ברית פון מר. יהושע ברוין פון 470 ריטשמאנד סטר. וו. איז קאלעקטירט געווארען דורך חזן קאפלאן $1.50 פאר די מלחמה ליידענדע.

3893

קיין מילך נאך ניין א זייגער

פאריז סעפ. 3

אנפאנגענדיג פון'ם ערשטען אקטאבער וועט איבער גאנץ פראנקרייך ניט טהארען פארקויפט ווערען קיין מילך קריעם, טהע מיט מילך אדער קאפע מיט מילך נאך ניין א זייגער פריה־מארגען. אזוי האט פארארדענט דער פראנצויזישער שפייז מיניסטער.

קיין רעסטאראנט קאפע הויז אדער וועלכער עס איז שפייז פלאץ וועט ניט טהארען פארקויפען קיין מילך נאך דער צייט. בלויז אייזענבאהן רעסטאראנען זע [illegible]

CANADIAN NATIONAL EXHIBITION

קענעדיען נעשאנאל עקסהיבישאן

אויגוסט 25 ביז סעפטעמבער דעם 10־טען

אויסשטעלונגען פון פיינער קונסט גאלעררייכע מוזיק—אינדוסטריע—אגריקולטור

אינספיראציע, בילדונג און רעקרעאציע אויף א קאלאסאלען אופ'ן

גרענד סטענד פארשטעלונגען

פאנגען זיך אן 2 און 7 אזייגער נ. מ.

עס ווערט געוויזען אויפמונטערנדע מיליטערישע פאסירונגען. דריי ביהנעס מיט וואדעוויל פארשטעלונגען, און צירקוס אקטען געהען אז אין דערזעלבער צייט.

קענעדער יובילעאום פארשטעלונג

יעדען אווענד 9 אזייגער

ווערט געוויזען 700 פוס לאנדשאפטען פון קוויבעק מיט איהר ריזיגער פעסטונג פון הויכע בערג. עס מאכט אן ערשטוינענדע שעהנע פאנאראמע — דאס איז א דינאמא פון צווייגענדער, שטארקענדער, פאטריאטישער ענערגי.

1200 מענשען אין דער פארשטעלונג

גענעראל איינטריט 25 סענט, רעזערווירטע פלעצער 50 סענט, און $1.00. באקסעס פאר פיער מענשען $5.00. דאס געלד ווערט ניט צוריקגעגעבען אין פאל פון א רעגען, וועט דורכגעפיהרט ווערען א מוזיקאלישער פראגראם.

א מיליאן דאלארדיגע אויסשטעלונג פון פערסישער קונסט אין אפלייעד בילדינג

צוויי קאנצערטען טעגליך פון דעם בעריהמטען אינגעם בענד פון סאקאסטען

פאנגען זיך אן פון 4 ביז 6 און פון 8 ביז 10 אזייגער נאכמיטאג.

אויפ'ן מיטעלוועג

א וועלט מיט היימישע אויסשטעלונגען, דזשיימס ט. קליידס רייכע וואונדערבארע פארשטעלונג וועלכע האט געבראכען אלע טאראנטאר רעקארדען פון לעצטען יאהר, פערפעהלט ניט צו זעהען ״קראיישאן״ און די גרעסטע קאמבינאציע פון פארשטעלונגען, אין דעם קארניוואל פון דער וועלט.

קונסט אויסשטעלונג

קענעדער קונסטווערק.

פראנצויזישע קאלעקציע פון לוקסעמבורגער מוזעאום.

און אפיציעלע איטאליענישע קאלעקציע, און די פיינע קונסט גאלעריע.

אפיציעל קענעדער מלחמה פאטאגראפיעס פון דער ארמיי און נייוויי־אויסשטעלונגען

א טויזענד ערשטוינענדע זאכען צו זעהען פאר אן איינציגען פרייז

YOLLES
HIGH CLASS FURNITURE

יאליסעס

קלירינג סייל

פיר דער גאנצער וואך

וואס מיר זאגען טוהען מיר. מיר האבען געוויזען דעם טאראנטאר פובליקום, דאס מיר פערקויפען ווארעס ביליגער ווי אין וועלכען סטאר אין טאראנטא און מיר זענען פארטיג צו איבערצייגען יעדען איינעם דאס צו קויפען

פוירניטשור

ביי יאלעסעס סייפט מען $$$$

מיר האבען נאך זיר דער גאנצער וואך פארלאר סעטס



וועלכע מיר פערקויפען זעהר ביליג. איהר וועט אייך נאר ניט גלויבען מאהאגני פיניש פארלאר סעטס אין גוטע סילק אדער טעפעסטרי קאווערינג פון $15.00 און העכער.

דיינינג רום טשערס

אין סאליד אוק און אין גוטע לעדער, סינגעל און איין ארם דער פרייז



פון $15 און העכער

מיר האבען נאך פערבליבען עטליכע אייז באקסעס פון דעם זומער מיר וועלען זיי די וואך פערקויפען פיר האלבע פרייז פון 8.50 און העכער

אוילקלאטה

נומער 1 קוואליטי רעג. פרייז 55 ס. א יארד

יאלעסעס פרייז 42 סענט א יארד

לינאליום

נומער 1 קוואליטי רעג. פרייז 75 און 80 סענט א יארד

יאלעסעס סייל פרייז 58 סענט

קומט איבערצייגט אייך

מיר האבען נאך פיעלע גרויסע בארגיינס אין אונזער סטאר וועלכע מיר קענען ניט איבערטרעגען נור קומט איבערצייגט אייך איהר וועט קויפען צו ניט איהר קענט קומען צו אונז מיר וועלען אייך אלעס צייגען. קויפט פוירניטשור אויף יאליסעס סיסטעם פיר קעש אדער פיר קרעדיט

וואטשט אונזער

אפענינג סייל

אין דיזען פייפער

YOLLES

379-81 Queen St. West Tel. Ad. 437-438